**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נייע אינציאטיוו צו טאפלען איינקויפונג מעגליכקייטן פאר מענטשן וואס באקומען SNAP ביי פארמערס מארקעטס

***Fresh2You אינציאטיוו פון FreshConnect גיבט יעצט $2 טשעקס פאר יעדע $2 וואס ווערט אויסגעגעבן אונטער דעם סאפלעמענטעל נוטרישען אסיסטענס פראגראם — ארויף פון $2 פאר יעדע $5 אויסגעגעבן***

***עס וועט ערלויבן נויטבאדערפטיגע פאמיליעס צו איינקויפן מער געזונטע עסנווארג, אריינרעכענענדיג פרוכט און גרינצייג, מיליכיגס און פלייש, העלפנדיג פארציילען אויף לעצטיגע רעדוקציעס אין SNAP בענעפיטן און אינפלאציע קאסטן און פארמערנדיג איינקונפט פאר ניו יארקע פארמערס***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס צוזאג צו פארשטערקערן ניו יארק'ס אגריקולטור און לאקאלע עסנווארג פראדוקציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א נייע אינציאטיוו וואס וועט טאפלען די איינקויפונג מעגליכקייט פאר מענטשן וואס האבן סאפלעמענטעל נוטרישען אסיסטענס פראגראם ( Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP [פוד סטעמפס]) ביי פארמערס מארקעטס אריבער ניו יארק סטעיט. דער Fresh2You פראגראם פון FreshConnect וועט יעצט 'מעטשען' פאר בארעכטיגטע ניו יארקער דאלאר פאר דאלאר, ערלויבנדיג נויטבאדערפטיגע פאמיליעס צו איינקויפן מער געזונטע עסנווארג, אריינרעכענענדיג פרוכט און גרינצייג, מילכיגס און פלייש. די נייע אינציאטיוו וועט העלפן פארדעקן די לאך וואס איז איבערגעלאזט געווארן דורך לעצטיגע רעדוקציעס אין SNAP בענעפיטן וואס זענען געווען טייל פון די פאנדעמיע הילף באמיאונגען און אזוי אויך דורך רעקארד הויכע אינפלאציע קאסטן, עס וועט ברענגען מער איינקונפט פאר ניו יארק'ס פארמערס און פארשטערקערן לאקאלע עסנווארג פראדוקציע בשעת'ן באקעמפן הונגער — אלע צווישן די ציהלן וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פארשלאג און אין איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע.

"ניו יארק האט אונטערגענומען באדייטנדע שריט צו אנטוויקלען שטארקע קשרים וועלכע בענעפיטירן אלע זייטן צווישן לאקאלע פארמער און די קאמיוניטיס וועם זיי פיטערן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע Fresh2You אינציאטיוו וועט העלפן זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן מער געלט צו אויסגעבן אויף געזונטע עסנווארג ווי מילכיגס, פלייש, פרוכט און גרינצייג און מער, בשעת'ן ברענגען בעסערע געזונטהייט תוצאות, אן עקאנאמישע שטופ פאר ניו יארק'ס פארמער און א שטארקע עסן סופליי טשעין."

די Fresh2You אינציאטיוו פון FreshConnect וועט יעצט צושטעלן פאר מענטשן וואס באקומען SNAP ביי אנטיילנעמנדע פארמערס מארקעטס $2 טשעקס פאר יעדע $2 וואס ווערט אויסגעגעבן

אונטער דעם SNAP פראגראם — ארויף פון $2 פאר יעדע $5 אויסגעגעבן. די נייע אינציאטיוו איז טייל פון די לאנגיאריגע FreshConnect טשעקס פראגראם וואס ווערט פארטיילט דורך די NYS דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets). עס העלפט פארברייטערן צוטריט צו פרישע עסנווארג אין קאמיוניטיס וואס האבן נישט אזויפיל סערוויסעס, צו פארבעסערן די דיעטע פון מענטשן אין די קאמיוניטיס און צו שטופן פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג דורכן שטיצן לאקאלע פארמער. דורכן ערלויבן צו קויפן אויך מילכיגע פראדוקטן, פלייש און נאך אין צוגאב צו פרוכט און גרינצייג, שטיצט דער FreshConnect פראגראם נאך אפילו מער פארמערס אריבער ניו יארק סטעיט.

סיי וועלכער פארמער אדער פארקויפער וואס פארקויפט עסנווארג וואס קען געקויפט ווערן מיט SNAP ביי סיי וועלכע פארמערס מארקעט, פארם טישל אדער געשעפט אויף רעדער וואס איז אפן אין ניו יארק סטעיט קען אננעמען טשעקס פון FreshConnect און קענען יעצט אנטיילנעמען אין די Fresh2You אינציאטיוו. טשעקס קענען גענוצט ווערן צו קויפן מיליכיגס, פרוכט און גרינצייג, פלייש, פיש, אייער און נאך.

דער Fresh2You אינציאטיוו פון FreshConnect וועט זיך עפענען און קענען גענוצט ווערן דורך באניצער פון אפריל 15. מארקעט פירער וועלן אויך באקומען נייע מארקעטינג מאטעריאלן און טרעינירונג איבער די נייע אינציאטיוו.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו ארויקומען מיט דעם נייעם מעטשינג פראגראם, פארשטייענדיג די באדייט וואס דאס וועט האבן פאר ניו יארקע קונדן און פארמערס צוגלייך. עס וועט פארמערן צוטריט צו נארהאפטיגע געזונטע עסנווארג וואס וועט אויך האבן א דירעקטע בענעפיט פאר אונזערע פארמער און פראדוצירער. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן דאס ערמעגליכן און פאר איר איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק'ס אגריקולטור און צו פארשטערקערן די לאקאלע עסנווארג סיסטעם."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) קאמישאנער, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,** "דער FreshConnect פראגראם זעצט פאר צו אפפערן נייע און שעפערישע וועגן פאר ניו יארקער צו אנקומען גרינגערהייט צו פרישע, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג וואס זיי קענען איינקויפן מיט זייערע SNAP בענעפיטן. דאס וועט פארגרעסערן די מאס וויפיל מענטשן וואס באקומען SNAP וועלן קענען איינקויפן בשעת'ן בענעפיטירן לאקאלע פארמערס און פארמערס מארקעטס ארום די סטעיט."

אין צוגאב צו מענטשן וואס באקומען SNAP איז דער FreshConnect טשעקס פראגראם אויך דא צו באקומען פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע נאענטע פאמיליעס צו נוצן די בענעפיטן ביי ניו יארק סטעיט פארמערס מארקעטס, פארם טישלעך און געשעפטן אויף רעדער. וועטעראנען קענען באקומען $50 אין FreshConnect קופאנס דעם יאר פון די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס (Department of Veterans' Services) אפיסעס.

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמישאנער, וויוויאנא דעקאָוהען, האט געזאגט,** "די דאלאר-פאר-דאלאר מעטשינג פאר די Fresh2You אינציאטיוו פון FreshConnect שטעלט צו לעבנס-ראטעווענדע בענעפיטן פאר די וועמען מיר דינען. דער פראגראם וועט פארמערן די אוועילעביליטי און צוגענגליכקייט פון געזונטע, פרישע פרוכט און גרינצייג פאר די וועלכע דארפן עס די מערסטע. די Fresh2You אינציאטיוו פון FreshConnect איז א וויכטיגע כלי פאר אונז צו העלפן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו גאנצע און נארהאפטיגע עסנווארג."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די פארמערס מארקעט פעדעראציע פון ניו יארק ( Farmers' Market Federation of New York), דייען עגערט, האט געזאגט**, "די Fresh2You איניציאטיוו פון FreshConnect וועט גיין א לאנגע וועג ביים העלפן מענטשן וועלכע האבן פארלוירן א חלק פון זייערע SNAP בענעפיטן צוליב די רעדוקציעס צו דעם SNAP פראגראם. דאס גיבט זיי א געוואלדיגע שטופ צו זייער איינקויפונג מעגליכקייטן און מוטיגט זיי צו איינקויפן דירעקט ביי פארמערס ביי די פילע פארמערס מארקעטס אריבער די סטעיט. דאס גיבט דעם פראגראם א טאפלטע בענעפיט דורכן העלפן די מיט SNAP בענעפיטן צו עסן א געזונטערע דיעטע, רייך אין לאקאלע עסנווארג, בשעת אין דעם זעלבן צייט אויך פארשטערקערן די פארקויפונגען פון עסנווארג וואס זענען געוואקסן און פראדוצירט געווארן דורך לאקאלע פארמער, העלפנדיג אויסהאלטן די לאקאלע אגריקולטור. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן לאקאלע עסנווארג און די סטעיט'ס פארמערס."

**ראטשעסטער מעיאר מאליק ד. עוואנס האט געזאגט**, "ראטשעסטער סיטי'ס פובליק מארקעט האט א לאנגיאריגע טראדיציע פון זיין א האפן פון פרישע, געזונטע און אפאָרדעבעל עסנווארג אין א שטאטישע פלאץ וואו עס זענען נישטא צופיל ענליכע אויסוואלן. די פארברייטערונג פון די FreshConnect צוגאבליכע בענעפיט וועט ערלויבן נאך מער פון אונזערע בירגער צו צוקומען צו געזונטע, לאקאלע עסנווארג, און עס וועט פארברייטערן די מער פון 1 מיליאן דאלאר אין SNAP בענעפיטן וועלכע ווערן שוין יעצט גענוצט ביי די מארקעט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן איינפירן דעם פראגראם וואס וועט אויך צושטעלן א קריטישע מקור פון איינקונפט פאר לאקאלע פארמערס און אנדערע מארקעט פארקויפער."

**איבער פארמערס מארקעטס אין ניו יארק סטעיט**

פארמערס מארקעטס פילן אן א קריטישע לאך אין ניו יארק'ס לאקאלע עסנווארג סופליי טשעינס דורכן פארגרינגערן צוטריט צו- און מוטיגן מענטשן צו נוצן לאקאל-געוואקסענע עסנווארג און זיי שטיצן דירעקטע געשעפטן צווישן פארמערס און קליענטן. פארמערס מארקעטס, פארם טישלעך און מארקעטס אויף רעדער זענען קריטישע באשטאנדטיילן פון א געזונטע עסנווארג סיסטעם. היינט האט ניו יארק מער פון 400 פארמערס מארקעטס, 250 פארם טישלעך און 10 מארקעטס אויף רעדער. זיי שטעלן צו א וועג פאר אגריקולטורישע פראדוצירער צו נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג פון קליענטן פאר פארשידנארטיגע פרישע, אפאָרדעבעל און באקוועמע פראדוקטן וועלכע זענען געוואקסן דירעקט אין די פארם. ניו יארק סטעיט – דורך די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, די העלט דעפארטמענט, די אפיס פאר עלטערע מענטשן און די אפיס פאר צייטווייליגע דיסאביליטי הילף – פירט אן עטליכע פראגראמען צו העלפן פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט, עלטערע מענטשן און וועטעראנען צו צוקומען צו פרישע, געזונטע עסנווארג ביי אנטיילנעמנדע מארקעטס. צו לערנען מער איבער די דעפארטמענט'ס פארמערס מארקעט פראגראמען אדער צו טרעפן א מארקעט אין אייער געגנט, באזוכט https://agriculture.ny.gov/farmersmarkets.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן